מודעה וועגן פעיר היערינג                                                  אָפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף (OTDA)

457 – OAH
(10/12) XL0001

האלטס ביי אייך דער מודעה און ברענגט עס מיט צו אייער היערינג

סטעיט און ניו יארק                    קאפיע געשיקט צו:

XXXXX XXXXXXXX
XXXXXXXXXXXXXXXX
XXXXXX XX XXXXXX

לויט טייל 22 פון דעם סאושעל סערוויסעס געזעץ און אלס ענטפער צו אייער ווענדונג פאר א ׳פעיר היערינג׳, וועט אייער היערינג פארקומען ביי דער פאלגענדער צייט און פלאץ:

| | |
|---|---|
| A פעיר היערינג נומער XXXXXXXX | F פלאץ פון היערינג<br>NY OTDA פעיר היערינגס<br>ID איז פארלאנגט<br>סעקיוריטי איבערזיכט ביים אריינקומען |
| B הילף סטאטוס<br>דער לאקאלע אפיס איז / איז נישט פאראדנט פארצוזעצן די הילף אומגעטוישט ביז א באשלוס פון דער פעיר היערינג וועט ארויסגעגעבן ווערן. זעט פאראג. 8 אויף אנדערע זייט | G אגענטור XXX/XXX/XXX |
| C פארטרעטער | H צייט XX:XX צופרי / נאכמיטאג |
| D ענינים<br>XXXXXXXXXXXXXXXXXXXXXXXXXXXXXXXXXX | I קאטעגאריע און קעיס נומער<br>XX/XXXXXXXXXXXXXXX |
| E דאטום XX/XX/XX | J דאטום פון היערינג פארלאנג<br>XX/XX/XX ניי |

אנווייזונגען פאר פארטייען

1. אויב האט איר געבעטן א היערינג ווייל דער אגענטור האט געענדערט אייער הילף, בענעפיטן, אדער סערוויסעס, זענט איר בארעכטיגט צו באקומען אייער הילף, בענעפיטן, אדער סערוויסעס אן קיין ענדערונג ביז דער באשלוס וועט ארויסגעגעבן ווערן. אין דעם דאזיגן פאל האט דער סטעיט קאמישענער פאראדנט / נישט פאראדנט פאר דער אגענטור פארצוזעצן ווייטער אייער הילף, בענעפיטן, אדער סערוויסעס ביז א באשלוס פון דער פעיר היערינג וועט ארויסגעגעבן ווערן.
2. אויב קענט איר נישט קומען צו דער אנגעגעבענער צייט, מעגט איר בעטן עס אפלייגן אין-פערסאן ביי אונזערע אפיסעס אויף 14 Boerum Place, Brooklyn, NY, אדער דורכ׳ן טעלעפאן אויף 877-209-1134, אדער אויף http://otda.ny.gov/oah, וואו איר קענט אויספילן א פארם און אריינגעבן אנליין, אדער קענט איר ארויס׳פרינט׳ן א פארם אריינצושיקן דורך דער פאסט אדער פעקס׳ען. אפלייג פארלאנגען וועלכע קומען אן וויניגער ווי צען טעג בעפאר דעם היערינג דאטום קען מעגליך זיין עס וועט נישט ערלויבן גענוג צייט אויף צו פראצעסירן. אויב באקומט איר נישט פון אונז קיין ענטפער, טייטשט עס נישט אויס אז אייער פארלאנג איז נאכגעגעבן געווארן.

   אפלייגן וועט נאר זיין ערלויבט אויב האט איר א גילטיגע סיבה אויף נישט צו קומען. אויב איר באקומט ווייטער הילף, בענעפיטן, אדער סערוויסעס אומגעטוישט ביז דער היערינג פראצעס און איר בעט עס אפצולייגען, וועלן די הילף, בענעפיטן, אדער סערוויסעס ווייטער אנגיין **נאר** אויב עס וועט געגעבן ווערן ערלויבעניש אפצולייגן. אויב פארפעלט איר צו קומען אדער זיך צו פארבינדן מיט אונז אן א גילטיגע סיבה פאר נישט אנקומען וועט דאס גורם זיין אז אייערע הילף, בענעפיטן, אדער סערוויסעס וועלן **נישט** אנגיין ווייטער אומגעטוישט.
3. אויב קומט איר אן שפעט, קען זיין אז אייער היערינג וועט מוזן געשלאסן ווערן. אויב איר אדער אייער פארטרעטער פעלן אנצוקומען ביי דער באשטימטע צייט פון דער היערינג וועט אייער היערינג פארלאנג געראכנט ווערן אלס פארלאזט אויסער אויב איר אדער אייער פארטרעטער בעט אינערהאלב איין יאר פון דעם באשטימטן היערינג דאטום אויף עס צוריקצושטעלן אויפ׳ן לוח אויב גיבט איר א גילטיגע סיבה פאר׳ן פעלן דאס ערשטע מאל.
4. אויב ווילט איר מער נישט האבן א פעיר היערינג, ביטע שרייבט אונטער דעם סטעיטמענט אונטן און שיקט צוריק דער מודעה צו OTDA, Administrative Hearings, P.O. Box 1930, Albany, NY 12201.

איך וויל צוריקציען מיין פארלאנג פאר א פעיר היערינג.

______________ ______________
אונטערשריפט דאטום

קוקט אויפ׳ן אנדערן זייט פאר נאך אנווייזונגען

## אנווייזונגען פאר פארטייען

1) ברענגט צום היערינג די פאלגענדע: דער דאזיגער מודעה; עדות, אויב זענען דא; דאקומענט באווייזן, אריינגערעכנט מודעות פון אייער ארטיגער אגענטור פארבינדן מיט אייער פארלאנג; בוכער, רעקארדס, און אנדערע געשריבענע באווייזן.

2) איר האט א רעכט צו ווערן פארטרעטן דורך אן אטוירני אדער אן אנדערער פארטרעטער, צוצושטעלן דאקומענטן אויף באוויז, צו ברענגען עדות און אויספרעגן דערגעגנדיגע עדות אדער באווייזן. אין דער מערהייט פון פעלער, וועט אייער פארטרעטער (אויסער אן אטוירני) מוזן האבן געשריבענע אויטאריזירונג אייך צו פארטרעטן.

3) איר האט א רעכט עס זאלן אייך צוגעשטעלט ווערן בחנם א שפראך אדער שטום-לשון איבערזעצער פאר אייער היערינג. אויף צו ערלעדיגן אן איבערזעצער, שרייבט אריין צו דעם NYS OTDA אדרעס אויפ׳ן פארנט פון דער מודעה, אדער רופט 800-342-3334 (פאר די מיט שוועריגקייטן צו הערן אדער רעדן, רופט Relay סערוויסעס אויף 711 און בעט דעם אפערעיטער אונז צו רופן אויף 877-502-6155).

4) דער ארטיגער אגענטור מוז צושטעלן טראנספארטאציע פאר אייך, אייער פארטרעטער און עדות און פאר טשיילד-קעיר און אנדערע קאסטן פארבינדן מיט קומען צו דעם היערינג, אויב נויטיג. ביטע זייט פארגעגרייט צו פרעזענטירן א באשטעטיגונג וועגן די קאסטן, אריינגערעכנט מעדיצינישע באשטעטיגונג וועגן אומפעאיגקייט צו פארן מיט פובליק טראנספארטאציע צו דער ארטיגער אגענטור.

5) אויב ווילט איר איבערקוקן אייער קעיס רעקארד, פארבינדט אייך מיט אייער ארטיגער אגענטור פאר אנווייזונגען. כאטש איר מעגט איבערקוקן אייער קעיס רעקארד ביי דעם פעיר היערינג, אויב גלייבט איר אז אייער קעיס רעקארד קען אייך זיין בייהילפיג ביי דעם היערינג דאן רעקאמענדירן מיר איר זאלט עס איבערקוקן בעפאר אייער היערינג דאטום. היערינגס וועלן נישט אפגעלייגט ווערן פאר דעם צוועק פון איבערקוקן אייער קעיס רעקארד, אויסער אויב איר האט געמאכט אזא פארלאנג. איר דארפט נישט בעטן קיין פעיר היערינג אויף איבערצוקוקן אייער קעיס רעקארד. אויב ווערט איר אפגעזאגט פאר איבערקוקן אדער באקומען אייערע קעיס רעקארדס, זאלט איר וועגן דעם אויפמערקזאם מאכן דער אדמיניסטראטיווע געזעץ ריכטער.

6) איר האט א רעכט צו פארלאנגען קאפיעס פון דאקומענטן וועלכע דער ארטיגער אגענטור וועט אייך פרעזענטירן ביי דעם היערינג, ווי אויך קאפיעס פון אנדערע דאקומענטן וואס איר דארפט פאר דעם היערינג, אן קיין קאסט. <u>די דאקומענטן וועלן אייך נישט געשיקט ווערן אויסער אויב איר גיבט איין אן אויסדריקליכע פארלאנג דערפאר.</u> אויב פארפעלט דער אגענטור אייך צוצושטעלן אזעלכע קאפיעס, זאל דאס געברענגט ווערן צו דער אויפמערקזאמקייט פון דער אדמיניסטראטיווע געזעץ ריכטער.

7) צו פארלאנגען אזעלכע דאקומענטן אדער צו אויסגעפונען וויאזוי איר קענט איבערקוקן אייער קעיס רעקארד, רופט אדער שרייבט אריין צו דער ארטיגער אגענטור וועגן וועמענס שריטן איר האט געבעטן א פעיר היערינג. איר זאלט אויך רופן אדער אריינשרייבן צו דער אגענטור אויב ווילט איר נאך אינפארמאציע וועגן אייער קעיס, וויאזוי צו באקומען אייער קעיס פייל און / אדער נאך קאפיעס פון סיי וועלכע דאקומענטן.

8) אויב דער ארטיגער אגענטור איז פאראארדנט געווארן פארצוזעצן ווייטער אייער הילף, בענעפיטן, אדער סערוויסעס אומגעטוישט ביז דער פעיר היערינג באשלוס וועט ארויסגעגעבן ווערן און איר באקומט נישט אייער הילף אדער פארגעזעצטע בענעפיטן, ביטע ברענגט מיט אייך דער מודעה צו אייער לאקאלער צענטער (ארטיגער אגענטור) און בעט צו רעדן מיט אן ארבעטער פון דעם FH און C אפטייל (קליענטן פון אויסער NYC זאלן בעטן רעדן מיט זייער ארבעטער).

9) אויב האט איר א ספעציפישע סיבה וואס איר גלייבט אז צוליב דעם קען דער אדמיניסטראטיווע געזעץ ריכטער אייך נישט זיין יושר׳דיג מיט׳ן אנפירן אייער היערינג, האט איר א רעכט צו בעטן ביי דער היערינג אז אן אנדערער אדמיניסטראטיווע געזעץ ריכטער זאל ווערן באשטימט.